ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

כתובים בידי הרבנית הצדקנית
מרת **חנה** ע״ה ז״ל

אשת כ״ק הרה״ג והרה״ח המקובל
## מוהר״ר ר׳ לוי יצחק
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

הוריו של כבוד קדושת
## אדמו״ר מנחם מענדל
זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע
**שניאורסאהן**
מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן

# Reshimas Zichronos

kesuvim bidei harabanis hatzidkanis
maras Chana

Installment 38

Published and Copyrighted © 2012
by

**Kehot Publication Society**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com

All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.

*Manufactured in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700 :נדפס בדפוס

ב"ה.

# פתח דבר

הננו מו"ל בזה חוברת ל"ח של „זכרונות" שנרשמו ע"י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע"ה, אמו של כ"ק אדמו"ר זי"ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח"ז גם בתרגום ללה"ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה"ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר" לחוברת הראשונה.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

## מערכת „אוצר החסידים"

ערב ראש חודש מנחם, ה'תשע"ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן
ברוקלין, נ.י.

## דער אָנהאַלט איז דער זון שליט״א

### יום ה׳ ה׳ תמוז תשט״ז 14 June

עס גלוסט זיך מיר עטליכע טעג שוין עפּעס שרייבן און איך האַלט זיך אַלץ אָפּ.

איך האָב געוואָלט, און געוויס געדאַרפט, לכל הדעות, צוליב דעם זון שליט״א שרייבן ניט „אומעדיק״, אָבער וואָס זאָל איך טאָן, עס פילט זיך ניט אַזוי דערווייל.

עס איז געוואָרן ניין יאָר זינט איך בין אַהער געקומען[486]. אַ דאַנק ג־ט פאַר דעם זון, ער טוט אַזויפיל אויף פאַר די לעצטע יאָרן, ער האָט אָן עה״ר אויסער־געוויינליך גרויסע כחות, גאונות און קענטעניש. דערצו די גרויסקייט און הייליקייט פון דער נשמה וואָס אַלץ ווערט געטאָן בתכלית האמת, און די וועלט אַנערקענט דאָס און שאַצט דאָס.

די איבערגעגעבנקייט פון דער יוגנט, זיי האָבן אים פשוט ליב, און אַ באַציאונג צו אים ווי צו אַ געטליכן מענטשן.

איך זע דאָס אַלץ, פאַרשטיי דאָס, און שעץ.

דער זון זאָל געזונט זיין קען זאָגן „אני טוב לך מעשרה בנים״[536]. יש קונה עולמו בשעה אחת, און ער קויפט זי מיט צען מינוט וואָס ער גייט אַריין יעדער טאָג. דאָס האַלט מיר.

שוין צוועלף יאָר אַליין. אַ דאַנק ג־ט פאַר די גוטע וואָס איז דאָ, דער אָנהאַלט איז דער זון שליט״א.

* * *

## דער זון האָט גרויסע כחות

### מוצש״ק אור ליום י״ד כסלו תשי״ז

היינט איז דער טאָג פון דעם זון׳ס שליט״א חתונה. ג״ג[538] ער זאָל

לעבן ליינגע גוטע גליקליכע יאָר מיט זיין פרוי, זיי זאָלן צוזאַמען הנאה האָבן פון דעם לעבן.

אַכט און צוואַנציק יאָר אַוועק.

אַ דאַנק ג־ט ער האָט אַ סך געטאָן פאַר דער צייט, אַ סך אַרבעט אַרויסגעגעבן אין דרוק. נאָך זיין עניוות, וויפל ער טוט אַלץ אָן פּרסום. אָבער די וועלט ווייס דאָס שוין, און מען שעצט דאָס.

ער האָט גרויסע כחות, און פון קינדווייס אָן זיצט ער אַ מינוט ניט ליידיק. זיין צייט איז אַלעמאָל פאַרנומען. הלואי ער זאָל זיין געזונט און אין גוטע רוהיקע באַדינגונגען זאָל אַלץ גיין.

אַלזאָ, אַ גוטע וואָך.

איך האָף אַז דער זון לעבן וועט נאָך פאַר גיין, און מיר וועלן זיך ווינטשן איינע די אַנדערע אַ גוטע וואָך, און עס זאָל זיין אַ גוטער תמיד.

### אדר ב׳ [תשי״ז].

אַוועק עטליכע חדשים ניט געשריבן גאָרניט פאַר דער צייט, צוליב וואָס?

עס איז אַלעמאָל דאָ בערג מיט איבערלעבונגען וואָס מאַכן אַלע־ערליי שטימונגען. אָפט רייסט זיך עפּעס אויסריידן.

* * *

## זאָל עפּעס פאַראייביגט ווערן

### ב׳ מ׳ אב [תשי״ז]

ערשט איז דער זון זאָל לעבן און געזונט זיין אַוועק פון מיר. ער איז געוועזן אַ מינוט צען, וואָס זיינען ביי אים גאַנץ שווער צו געפינען.

ווען די חמאַרעס[549] ווערן ביי מיר גאַנץ געדיכט, חאָטש מיט אַ מעסער שניידן, איז נאָך מיין זען אים ווערן זיי אַ סך שיטערער, און איך האָף, ניט אַזוי מרה־שחור־דיק, צו פאַרצייכנען די עטליכע ווערטער.

549) = עננים; ובהשאלה — מצב־רוח קודר.

עס איז שוין דער דרייצנטער יאָר־צייט נאָך מיין מאַן ז״ל. מיין איינזאַמקייט פיל איך וואָס אַ טאָג מער, עפּעס צו עלענט און צו אַליין.

מען ווערט עלטער, מען דאַרף פאַרשטיין אַז בעסער אין דעם פּרט וועט ניט ווערן, ג״ג[538] אַז ניט ערגער.

עס וואָלט זיך מיר וועלן אַז וועגן אים, דער מאַן ז״ל, אָדער פון זיין אַרבעט וואָס ער האָט כמעט ביז דער לעצטער מינוט געשריבן און געלערנט, זאָל עפּעס פאַראייביגט ווערן. אפשר וועט אַ מאָל זיין אויף דעם אַ צייט, אָדער פאַר מיין לעבן, אָדער דערנאָך[550].

איך רעכן אַז ער אַלס מענטש, אִי נאָך זיין קאָפּ און גרויסע כחות האָט דאָס געוויס פאַרדינט.

קיין פאָטאָגראַפיע אפילו ניטאָ. איך האָב געהאַט אַ פאָטאָ וואָס מען האָט אים געגעבן ווען מען האָט אים געלאָזט פרײַ נאָך די שרעקליכע יאָרן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט. דאָס איז געווען אַבסאָליוט ניט זיין פנים. איך האָב עפּעס ניט געוואָלט די קינדער זאָלן אים זען אַזאַ. איך וואָלט דאָך סיי־ווי ניט געקאָנט דורכפירן די גרעניצן[551].

דערנאָך האָב איך דאָך געהאָפּט דאָ צו געפינען וואָס איז נאָך געווען פון רוסלאַנד מיט געגעבן, און אַז עס איז ניט באַשערט, איז דאָ די קאַרטע אויך ניט געוואָרן.

הִי איז געווען פון דער גאַנצער פאַמיליע אין איינעם (אַ סימיינא[552]). מען דאַרף אין דעם פאַרגעסן. אַ דאַנק ג־ט פאַר די וואָס לעבן. זאָל זיין ביי זיי אַלץ מיט הצלחה.

* * *

550) על הוצאתם לאור של כתבי רלוי״צ – ראה לעיל הערה 527. לימים יצא לאור גם ספר „תולדות לוי יצחק״ על תולדות חייו.

551) לימים נמצא עותק של תצלום זה („כנראה בזמן היותו בגלות ציאילי״), והרבנית מסרה העתק ממנו לבנה כ״ק אדמו״ר זי״ע, שכתב עליו בכתי״ק: ״אאז״ל?״.

לאחר שנים, בשנת תנש״א, הגיע לידי כ״ק אדמו״ר זי״ע תצלומו של רלוי״צ ז״ל בעת לקיחתו למאסר (ט׳ ניסן תרצ״ט).

552) תמונה משפחתית.

## עס טראַכט זיך וועגן אַ סוכה

**[י״א תשרי תשי״ח].**

אַלזאָ עס איז שוין ב״ה י״א תשרי.

נאָך יו״כ. דורכגעגאַנגען אַלץ ווי געהעריק. ער[553] האָט דאָס דורכגעפירט מיט אַזאַ התרוממות, און עס איז מיר געווען אַ נחת צו זען. איצט גייט שוין סוכות.

מיין שרייבן דאָס מאָל איז אַזוי: עס איז אַ צייט פון תפילות, בעט איך, אַז איך זאָל פילן גוט אין די באַדינגונגען וואָס איך דאַרף זיי, בעסער קען איך זיי ניט מאַכן.

עס איז ביי מיר דער גרעסטער פאַרגעניגן הערן און זען ווי ער פאַרברייינגט. מיר איז געשמאַק הערן זיין ׳קול׳, און דער תוכן, אויף וויפיל איך פאַרשטיי, איז מיר זייער אינטערעסנאַ.

עס טראַכט זיך וועגן אַ סוכה, עס איז ניט איבער ירא־שמים, אָבער אַ הרגל פון אַלע יאָרן.

* * *

## מער ווי אַ מעת־לעת און איך פיל דאָס נאָך

**ג׳ דחול המועד [תשי״ח].**

איך הייל פאַרשרייבן דעם פאַרגעניגן וואָס איך האָב נעכטן געהאַט. איך האָב זיך פערזענליך דעמאָלט פאַרגעסן.

עס איז געווען אַזוי ווי אַלע יאָר, שמחת בית־השואבה, האָט מען געבראַכט קינדער פון מסיבת־שבת[554] און בית־רבקה, מיט זיי זיינען געקומען אַ סך פון די עלטערן. עס איז געווען אַ גרויסער עולם, דאָס רוב

553) כ״ק אדמו״ר.

554) אחד מעבודות המרכז לעניני חינוך לסדר „מסיבת שבת״ בעד ילדי/ילדות ישראל, להתוועד ביום השבת תחת השגת מחנכים/מחנכות מומחים/מומחות שומרי/שומרות תורה ומצוות.

קינדער, געוויינליך. די יום טוב־דיקע שטימונג פון די קינדער, מען האָט מיט זיי גאַנץ שיין פאַרבראַכט.

נאָך דער קאַרטינע[555] פון ל״ג בעומר[556], זיינען זיי אַרויס אויף דער גאַס, און דאָרט איז דער זון זאָל געזונט זיין, אַרויסגעגאַנגען צו זיי.

איבערגעבן די ליבע וואָס איז געוואָרן אויף זייערע פנימ׳ער קען איך ניט, און דאָס האָט זיך אַרויסגעגאָסן אין שמחה און אין טענץ מיט גרויסע התלהבות.

ביי קינדער איז דאָך דאָס מיט אַזאַ אמת און ריינקייט, אַז עס ווירקט, ווייזט מיר אויס, אויף די עלטערע.

עס איז שוין מער ווי אַ מעת־לעת פון דעמאָלט און איך פיל דאָס נאָך איצט.

* * *

## דאָס איז געווען אַ נחת און אַ תענוג רוחני

דערנאָך איז פאַרנאַכט געווען אַ פאַרברייינגען, אויך ווי אַלע יאָר, פאַר תלמידים פון ישיבות[557].

איך בין געזעצן דאָרט אָנדער־האַלבן שעה. דאָס איז געווען אַ נאַכט פון תורה. פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען איז דאָס געווען נאָר נגלה. דער עולם איז געווען אַ סך שפּעטער. עס איז געווען אַ סך אַ גרעסערער עולם ווי אַלע יאָר.

ער האָט, אָן עין־הרע, אַזוי פיל גערעט, אַזוי אַלעמען פאַראינטערעסירט, און ווי אַזוי מען האָט אַלע געהערט!

און צווישן אַלע רייד איז געווען נגינה מיט שמחה, צונויף געגאָסן

555) = תמונה, מחזה. הכוונה היא שמחזה ה„פּאַראַד״ בל״ג בעומר חזר על עצמו באירוע שמחת בית־השואבה.

556) תשי״ז בעת התהלוכה („פּאַראַד״) כשכ״ק אדמו״ר דיבר לפני הילדים, ובהשתתפות הרבנית מרת חנה ע״ה.

557) רשימת דברי כ״ק אדמו״ר מליל ג׳ דחוה״מ סוכות תשח״י נדפסו בתורת מנחם התוועדות תשח״י ח״א ע׳ 45 ואילך.

פון אַלע קולות, אַז מען קען זאָגן מי שלא ראה שמחת בית־השואבה לא ראה שמחה בעולם[558].

און מיר פערזענליך איז דאָס געווען אַ נחת און אַ תענוג רוחני. גאָט זאָל אים געבן אריכות ימים וכל טוב.

## ח׳ טבת [תשי״ח]

איך נעם איצט דעם פּאַפּיר אַזוי ווי אַ גוטן פריינט. אַביסל אַראָפּרעדן זיך, חאָטש עס איז שפּעט ביינאַכט, וויל איך ניט מאריך זיין.

ג״ג[538] אַלע זאָלן זיין געזונט.

* * *

558) סוכה רפ״ה.

**יום ה׳ ה׳ תמוז תשט״ז, 14 ביוני**

## משענת חיים

זה ימים אחדים שאני מתאווה לכתוב דבר־מה, וכל העת אני מתאפקת מלעשות זאת.

חפצה הייתי — ובוודאי צריכה הייתי, לכל הדעות, למען בני שליט״א — שלא לכתוב בסגנון פחות רווי־עצב, אבל מה אעשה ולעת־עתה אינני מרגישה כך.

זה עתה מלאו תשע שנים מאז בואי לכאן[261]. תודה לא־ל עבור בני. הוא פועל כל־כך הרבה בשנים האחרונות. יש לו, בלי עין הרע, כוחות, גאונות וידע גדולים באופן יוצא מגדר הרגיל, ולכך מיתוספת גדולתה וקדושתה של נשמתו, כך שכל מעשיו נעשים בתכלית האמת, והעולם מכיר בכך ומעריך זאת.

אין לתאר את מסירותם של הצעירים — הם פשוט אוהבים אותו, ומתייחסים אליו כאל איש־אלוקים.

אני רואה כל זאת, מבינה ומעריכה זאת.

בני שליט״א יכול לומר ״אני טוב לך מעשרה בנים״[301]. יש קונה עולמו בשעה אחת, והוא קונה עולמו בעשר הדקות שהוא נכנס לבקרני מדי יום. ביקוריו אלה מקיימים אותי.

זה שתים־עשרה שנה שאני לבדי. תודה לא־ל על הטוב הקיים. משענת חיי הוא בני שליט״א.

* * *

**מוצש״ק אור ליום י״ד כסלו תשי״ז**

## הכל ללא פרסום

היום הוא יום חתונתו של בני שליט״א. יתן השי״ת שיחיה חיים ארוכים, טובים ומאושרים עם רעייתו, וששניהם יחדיו ייהנו מחייהם.

עשרים ושמונה שנים חלפו מאז.

תודה לא־ל, בני שליט״א פעל רבות במשך זמן זה, והוציא לאור

בדפוס חומר רב. בשל ענוותנותו, כל כמה שהוא עושה — הכל נעשה ללא פרסום; אבל העולם כבר יודע על כך ומעריך זאת.

יש לו כוחות גדולים. מילדותו לא ישב בטל אפילו רגע אחד; זמנו מנוצל תמיד. הלוואי שיהיה בריא אולם, ושהכל יתנהל בתנאים טובים ונוחים.

ובכן, שבוע טוב.

תקוותי שבני שי׳ עוד יגיע, ונאחל זה לזה שבוע טוב, ושיהיה טוב תמיד.

**אדר ב׳ [תשי״ז].**

חלפו מספר חדשים, ובמשך כל זמן זה לא כתבתי דבר. לשם מה לכתוב?

תמיד ישנם הרים של חוויות הגוררות מצבי־רוח שונים ומשונים. לעתים קרובות אני משתוקקת בכל כוחי להביע דבר־מה.

* * *

**ב׳ מ׳ אב [תשי״ז]**

## הנצחת שמו של הרב

זה עתה יצא מאת פניי בני, שיחיה ויהיה בריא אולם. הוא שהה כאן עשר דקות — דקות שאותן קשה למדי לאתר אצלו...

כשהעננים שבלבי מתקדרים, עד שכמעט ניתן לחותכם בסכין — לאחר שאני רואה את בני הם נקלשים בהרבה; תקוותי, אפוא, שאוכל לרשום את המלים הבאות שלא מתוך מרה שחורה יתר על המדה.

זוהי כבר השנה השלוש־עשרה מאז פטירת בעלי ז״ל. עם כל יום שעובר אני חשה יותר את בדידותי. אני בודדה מדי; יותר מדי לבדי.

כאשר מזקינים, יש לדעת שהמצב בפרט זה אינו עתיד להשתפר. יתן השי״ת שלא יהיה גרוע יותר.

מאוד הייתי חפצה שייעשה משהו להנצחת שמו של בעלי ז״ל — אם באמצעות משהו שייכתב אודותיו, או מתוך עבודתו שלו — מתוך הדברים שכתב ולמד כמעט עד הרגע האחרון לחייו. אולי עוד יהיה פעם

זמן לכך, אם עוד בחיי ואם לאחר־מכן[314]. אני סבורה שהדבר מגיע לו ביושר — הן כאדם, והן מצד גאונותו וכוחותיו הגדולים.

אפילו תצלום שלו אין בנמצא. היה ברשותי תצלום שניתן לו בשעת שחרורו, לאחר השנים האיומות שעברו עליו. הפנים באותו תצלום לא דמו כלל למראה פניו המקורי. לא רציתי שבנינו יראו את תמונתו במצב זה, והרי בלאו־הכי לא הייתי יכולה להעבירה את הגבולות[315].

נוסף לכך, קיוויתי למצוא כאן תצלום ששלחנו עוד מרוסיה, אך מאחר שלא נגזר כך מלמעלה — אבד גם תצלום זה. התמונה שהיתה כאן היתה תמונה משפחתית, עם כל המשפחה יחד.

עלי לשכוח על כל זאת. תודה לא־ל על אלו החיים עמנו. יהי רצון שיצליחו בכל.

* * *

**[י״א תשרי תשי״ח].**

## יום־כיפורים וסוכות מלאי עונג

ובכן, עכשיו, ב״ה, כבר י״א תשרי. אחרי יום־הכיפורים. הכל התנהל כדבעי. הוא[316] ניהל את הכל מתוך התרוממות שכזו, והיתה זו נחת גדולה עבורי לראות זאת.

עכשיו כבר קרב והולך חג הסוכות.

סיבת כתיבתי הפעם היא זו: זהו זמן של תפילות. אני מבקשת, איפוא, שארגיש טוב באותם תנאים שאני זקוקה להם. לשפר אותם אינני יכולה.

התענוג הגדול ביותר עבורי הוא לשמוע ולראות כיצד בני מתוועד. לעונג הוא לי לשמוע את קולו, והתוכן — ככל שהבנתי מגעת — מעניין אותי מאוד.

---

314) על הוצאתם לאור של כתבי רלוי״צ — ראה לעיל הערה 292. לימים יצא לאור גם ספר ״תולדות לוי יצחק״ על תולדות חייו.

315) לימים נמצא עותק של תצלום זה (״כנראה בזמן היותו בגלות ציאילי״), והרבנית מסרה העתק ממנו לבנה כ״ק אדמו״ר זי״ע, שכתב עליו בכתי״ק: ״אאז״ל?״.

לאחר שנים, בשנת תנש״א, הגיע לידי כ״ק אדמו״ר זי״ע תצלומו של רלוי״צ ז״ל בעת לקיחתו למאסר (ט׳ ניסן תרצ״ט).

316) כ״ק אדמו״ר זי״ע.

עולות בדעתי מחשבות על בניית סוכה. לא בגלל יראת־שמים, אלא מתוך הרגל שהורגלתי בו כל השנים.

**ג׳ דחול המועד [תשי״ח].**

אני ממהרת להביע בכתיבה את העונג שחשתי אתמול. שכחתי בשעת מעשה על קיומי האישי.

היה זה כמו בכל שנה — לרגל שמחת בית־השואבה הובאו ילדים ממסיבות־שבת ומבית־רבקה, ועמהם הגיעו רבים מהוריהם. היה שם ציבור גדול, רובם כמובן ילדים. על פני הילדים שרתה אווירת יום־טוב, והמארגנים הנעימו את זמנם בצורה טובה למדי.

במחזה דומה לזה שהיה בל״ג בעומר[317], יצאו הילדים אל הרחוב, ושם יצא אליהם בני שליט״א.

לתאר את האהבה שהשתקפה אז על פניהם — אינני יכולה. אהבה זו התפרצה מהם בשמחה ובריקודים בהתלהבות גדולה. כשמדובר בילדים, הדברים נעשים מתוך אמת וטוהר שכאלה, עד שהדבר משפיע — כך נראה לי — על הוריהם.

מאז עבר כבר יותר ממעת־לעת, וגם עכשיו אני מרגישה זאת עדיין.

מאוחר יותר, לפנות ערב, התקיימה התוועדות — גם היא כמו בכל שנה — עבור תלמידי ישיבות[318].

ישבתי שם שעה וחצי. היה זה לילה של תורה. בזמן שנכחתי שם היו השיחות בנגלה בלבד. הציבור שהה שם עד שעה מאוחרת בהרבה. היה זה ציבור גדול בהרבה מבכל שנה.

בני דיבר, בלי עין הרע, כל־כך הרבה, כל־כך עניין את כולם, וכולם הקשיבו כל־כך!

בין כל השיחות התקיימה נגינה של שמחה, מזוגה מכל הקולות, עד שניתן לומר על כך ״מי שלא ראה שמחת בית־השואבה לא ראה שמחה בעולם״[319].

---

317) בעת התהלוכה (״פאראד״).

318) רשימת דברי כ״ק אדמו״ר מליל ג׳ דחוה״מ סוכות תשח״י נדפסו בתורת מנחם התוועדות תשח״י ח״א ע׳ 45 ואילך.

319) סוכה רפ״ה.

עבורי אישית היה זה נחת ותענוג רוחני. יתן לו השי"ת אריכות ימים וכל טוב.

* * *

**ח' טבת [תשי"ח].**

אני נוטלת לידי את הנייר כמו ידיד קרוב, כדי להביע מעט מאשר על לבי, אם־כי מאחר שהשעה מאוחרת בלילה אין רצוני להאריך.

יתן השי"ת שכולם יהיו בריאים.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב